בס"ד

קרח תשפ"ד
גליון 197

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### זיי געוואָרנט פון חכמות!

מיר שטייען שוין נאָנט צו חודש תמוז, לאָמיר זען וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אויף למעשה וואס אונזער עבודה איז אין דעם חודש.

עס איז געווען א נביא מיטן נאָמען מלאכי. ער האָט אָנגעזאָגט די אידישע קינדער זאָלן גוט געדענקען די הייליגע תורה וואס משה רבינו האָט אונז געגעבן. דאָס איז דער לשון וואס דער נביא רופט אויס: "זכרו תורת משה", זאָגט אונז דער הייליגער רבי אַז דער פסוק איז ראשי תיבות "תמוז", דאָס איז חודש תמוז. פרעגט זיך א קשיא, וואו איז דער אות ו'? תמוז לייגט מען אַזוי אויס: תמוז?

נאָר די גמרא אין מסכת ערובין (נ"ד) זאָגט: "אלמלא לא נשתברו הלוחות הראשונות לא נשתכחה התורה מישראל- אויב עס וואָלט נישט צעבראָכן געוואָרן די ערשטע לוחות וואָלט נישט פאַרגעסן געוואָרן די תורה פון אידישע קינדער. קומט אויס אַז אין דעם חודש תמוז ווען עס איז צעבראָכן געוואָרן די לוחות, איז אַראָפּגעקומען א שכחה, דערפאַר פעלט דער אות ו' פון תמוז ווייל אות ו' ווייזט אויף די לוחות – וואס איז געווען זעקס טפחים די ברייט און זעקס די לענג און ו' איז בגימטריה זעקס. דערפאַר איז מרומז אין פסוק זכרו תורת משה אַז אין דעם חודש דאַרף מען ממשיך זיין דעם זכרון, ווייל אין דעם חודש איז צעבראָכן געוואָרן די לוחות.

רבי נתן אין א בריוו פון ר"ח תמוז שרייבט ער אַזוי: "זאָלסט גוט געדענקען אַלע וואונדערליכע טובות וואס דער אויבערשטער האָט מיט אונז געטון, זינט די טעג פון משה רבינו פון מתן תורה ביזן היינטיגן טאָג, אַזוי ווי דער רבי האָט אונז שטענדיג געוואָרנט [צו האָבן פאַר אונזערע אויגן דעם זכרון], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט "זכרו נפלאותיו אשר עשה", "זכור את היום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב", און די




וואונדער וואס דער באשעפער טוט מיט אונז אין יעדן דור דורך די אמת'ע צדיקים, די בני עליה פון יעדן דור, און בפרט וואס ער האָט מיט אונז געטון אין דעם דור טראָץ אונזער אָרימקייט און אונזער פשוטע עבודות, וואָספאַרא נידריגע אָרט מיר געפונען זיך, האָט אָבער דער אויבערשטער געמאַכט מיט אונז גאָר גרויסע וואונדער, אַז אויך מיר אין היינטיגע דורות קענען נאָך געדענקען פון אויבערשטן און זיין הייליגע תורה (מכתב שנ"ד).

די וואָך איז פרשת קרח, ווען מיר לערנען די פרשה קען אונז אויסקוקן אַז קרח איז געווען עפעס א

המשך פון זייט 1

פָּשׁוּטֶ׳ער מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף וְויסְן אַז קֹרַח אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ, קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּעֲלֵי הַשָּׂגָה אוּן גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין פַּרְשָׁה ״נְשִׂיאֵי עֵדָה, קְרִאֵי מוֹעֵד, אַנְשֵׁי שֵׁם, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הוֹיפְּט סַנְהֶדְרִין, בִּפְרָט קֹרַח אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע לְוִיִּם, אִיז וְויאַזוֹי אִיז עֶר אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן צוּ קְרִיגְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן?

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם אוּן נְפִילָה פוּן קֹרַח, לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ פַאר אוּנְז. (ליקוטי הלכות נט״י לסעודה ו׳) יֶעדֶער אִיד נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶער סָארְט אִיד, דַארְף זַיין גֶעוָוארְנְט פוּן חָכְמוֹת! מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן וְוי אַ חָכָם! וַוייל דִי חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט שָׁאטְן זֵייעֶר, בִּפְרָט וֶוען מֶען קוּמְט דוּרְכְדֶעם צוּ מַחֲלוֹקֶת חַס וְשָׁלוֹם, כָּל-שֶׁכֵּן וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען פְרוּמֶער פוּן מִיר, אַלְץ וַוייל עֶס דַאכְט זִיךְ מִיר אַז אִיךְ בִּין דֶער גְרוֹיסֶער חָ

זָאגְט רֶבִּי נָתָן: ״דָאס אִיז מֶער מַזִּיק פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹ
וַוייל מַחֲלוֹקֶת אוּן שִׂנְאַת חִנָּם אִיז שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶ
דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגט דֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ א.
וִוילַאנְג אַ אִיד הִיט זִיךְ פוּן אַלֶע סָארְטְן מַחֲלוֹקֶת א
אֱמֶת, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל זַיין שֵׂכֶל צוּם דַּעַת פוּן דִי ת
אוּן דִי צַדִיקִים, הָאט עֶר אַ אֵייבִּיגֶע הָאפֶענוּנְג. אַלֶ
קֶען פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דוּרְךְ תְּמִימוּת אוּן אֱמוּנָה שְׁלֵ
אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. דָאס
גֶעוֶוען דֶער עִיקָר פְּגַם פוּן קֹרַח, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶ

גָאר גָאר גְרוֹיס אוּן אִיז נֶעבֶּעך אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת וֶוען עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה – אַלֶעס וַוייל עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין דַּעַת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר אַ חָכָם אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין שֵׂכֶל צוּם דַּעַת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי מַחְתּוֹת פוּן קֹרַח אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ דֶעק פַאר דִי מִזְבֵּחַ: ״אַ זִכָּרוֹן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַ פְרֶעמְדֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן... נִישְׁט צוּ זַיין וְוי קֹרַח אוּן זַיין גֶעמֵיינְדֶע..״

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין גוּט גוּט צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶען, מִיר זָאלְן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְבֵּייגְן צוּם דַּעַת הַתּוֹרָה אוּן צוּ דִי צַדִיקִים שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן כִּרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכִרְצוֹן הַצַּדִיקִים, אָמֵן.

## דער רבי לערנט אונז:
## ׳סאיז אלעמאל דא א וועג ארויס!׳



# איין מעשה'לע



## וָואס דַארְף מֶען זוּכְן?!

אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים, אֱמוּנָה אִין צַדִיקִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיי אוּנְז אִין חֶבְרָה אַ מְסִבָּה אוּן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בְּגָדִים פַאר אַ שְׁפִּיל וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ נַייעֶ הִיטְל אִין שְׁטוּב, דָאס קֶען אִיךְ נֶעמֶען', אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזוּכְט אוּן גֶענִישְׁטֶערְט עֶס צוּ טְרֶעפְן בִּיז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטְרָאפְן, שׁוֹין, אִיךְ טוּ עֶס אָן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע הִיטְל וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאלֶעוֶועט, אָבֶּער אִין דֶעם צֶעמִישֶׁענִישׁ בְּשַׁעתְ'ן פְּרוּבִּירְן דֶעם הִיטְל אוֹיבּ עֶס שְׁטֵייט גוּט אוֹיף מַיין קֶעפְּל הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיינֶע בְּרִילְן אוּן אִיךְ דֶערְזֶע זִיךְ וִוי אִיךְ שְׁטֵיי מִיטְן הִיטְל אָבֶּער אִיךְ זוּךְ מַיינֶע בְּרִילְן!!

דָא הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בְּשַׁעתְ'ן זוּכְן, וֶוען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה שְׁטֵייט אוּן זוּכְט, מֶען זוּכְט אוּן מֶען זוּכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן דֶעם עִיקָר, וֶועמֶען מֶען דַארְף זוּכְן אוּן בֶּעטְן אִין אַזַא צַייט וֶוען עֶפֶּעס פַארְלִירְט זִיךְ, בִּיז עֶס אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַ פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף עֶס טוּן! רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זוּךְ מַיין בְּרִילְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶס טְרֶעפְן שְׁנֶעל, אִיךְ דַארְף שׁוֹין לוֹיפְן צוּ גֵיין אִין חֶבְרָה [מַתְמִידִים]."

אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט מַיין תְּפִלָּה אוּן... דִי בְּרִילְן שְׁטֵייעֶן פַאר מַיינֶע אוֹיגְן!! אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז פַארְן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אִיךְ עֶס בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט. יֶענֶע טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ אַפָּאר מָאל אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט פַארְלוֹירֶענֶע זַאכְן אוּן מִיטְן כֹּחַ הַתְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ ב"ה עֶס גְלַייךְ גֶעטְרָאפְן.

מָרְדְּכַי דָּוִד

## הוֹיכֶע טְרֶעפּ עֶפְּנְט מַיין הַארְץ

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיבְּן יָאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוּן גֶעוַוילְט בַּיים רֶבִּי'ן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג. אִין דִי טֶעג בִּין אִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפּ צוּ הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוּן גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ צוּרִיק אַרוֹיף צוּ אוּנְזֶער דִירָה.

אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער דִירָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ הוֹיכֶע שְׁטָאק אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן דִי דִירָה הָאבּ אִיךְ פַארְפַּאסְט דֶעם עֶלֶעוֶועטָאר [דִי מַאשִׁין וָואס מֶען נוּצְט אַנְשְׁטָאט דִי טְרֶעפּ] עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ טְרֶעפּ צוּ אַרָאפְּגֵיין אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק אַרוֹיף, אִיךְ קְוֶועטְשׁ דֶעם קְנֶעפְּל אוּן וַוארְט דָארְט... אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ וַוארְט, שׁוֹין, דֶער עֶלֶעוֶועטָאר מַאכְט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אוֹיף אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ רוּסִישֶׁער גוֹי, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַריינְגֵיין אָבֶּער, דִי טִיר הָאט זִיךְ גְלַייךְ

פַּארְמַאכְט און ס'אִיז אַרָאפְּגֶעפָּארְן.

בְּלִית בְּרֵירָה וַוארְט אִיךְ נָאכְאַמָאל און ווידֶער קוּמְט אַרוֹיס אַ מֶענְטְשׁ און פַּארְמַאכְט זִיךְ, הָאבּ אִיךְ פַּארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ דַארְף גֵיין צוּפִּיס צוּם רֶבִּי'ן. אִיךְ לוֹיף אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ און אִיךְ לוֹיף גְלַייךְ צוּם צִיּוּן און עֶפֶּעס אַ וַוארִימֶע גֶעפִיל הָאט מִיר אַרוּמְגֶענוּמֶען, בִּין אִיךְ גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן און אַ זָאג גֶעגֶעבְּן: "הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיךְ בִּין ב"ה זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי דַיין צִיּוּן יֶעדְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין פּוּן אַזוֹיפִיל טְרֶעפּ צוּ זָאגְן אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי און אִיךְ גֵיי שׁוֹין צוּרִיק, אִיךְ דַאנְק דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ צַדִּיק וָואס הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַזַא צוּזָאג, נָאר מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם בַּקָּשָׁה, 'צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעך בַּיי זַיין צִיּוּן'". פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין תִּיקוּן הַכְּלָלִי וָואס אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעזָאגְט, אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע וַוארֶעמְקַייט און נָאנְטְקַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אַמָאל וֶוען מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אַבִּיסְל אִיבֶּער עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ און מֶען קֶען רֶעדְן גֶעשְׁמַאקֶע וַוארִימֶע דִיבּוּרִים און מֶען בַּאקוּמְט אַ קֶשֶׁר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּם צַדִּיק און צוּ דִי אֵייגֶענֶע הַארְץ, מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן און דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**שִׁמְעוֹן**

## מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג

אִיךְ וויל דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָּארְן קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַ הֵיילִיגֶער אִינְגְל אוֹיבּ מֶען קוּמְט צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן יָאר. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוָואלְט קוֹיפְן אַ טִיקֶעט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן פַאר סֻכּוֹת תשפ"ד, וַוייל מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג פַאלְט אוֹיס חֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, אָבֶּער מֶען הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט, און סֻכּוֹת אִיז אַרִיבֶּער, און וִוי אַלֶע ווֵייסְן אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז לֵיידֶער גֶעשֶׁען אַ מִלְחָמָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן אַסַאךְ עֶרָאפְּלַאנֶען און דִי טִיקֶעטְס זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר טַייעֶר און עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן.



מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען און אוֹיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועל אִיךְ עֶס דֶערְצֵיילְן דָא אִינֶעם גִלְיוֹן בַּיי מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע.

צוּם סוֹף הָאט מַיין טַאטֶע גֶעטְרָאפְן אַ טִיקֶעט און דִי נְסִיעָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען צְוֵויי טֶעג פַאר דִי זִיבְּן יָאר אִין דִי טֶעג פוּן מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אוּנְטֶער זִיבְּן יָאר צוּ זַיין צִיּוּן.

**חַיִּים, בֵּית שֶׁמֶשׁ**




# קינדער, ווילט איר לערנען ליקוטי מוהר"ן? יא? זיכער, מיר לויפן!!!!

## אלע תשובות פון די שאלות שטייען קלאר אין די נייע תורה הצמנית וואס אונזערע טאטעס הייבן אן בעז"ה די וואך לערנען תורה א' די צווייטע חלק ליקוטי מוהר"ן

### ענטפער די ריכטיגע תשובות אין טעל-ליין קעסטל 7, די קענסט בעז"ה געווינען 75 ש"ח אין ווערד פון ברסלב'ע ספרים

- א איד איז באשאפן געווארן ער זאל האבן א מֶמְשָׁלָה אויף די _________ ?
- ווען עס איז דא א קנאת המלאכים דארף מען זיך אנכאפן אין די פלאץ פון וואו אלע נשמות קומען דאס איז דער ____ ______
- וואס איז די ראש תיבות פון בשר"א וואס רב עמרם חסידא האט געזאגט פארן מלאך? ____ _____ _____ _____
- וואס איז די ראשי תיבות פון מלאך? ____ _____ _____ _____
- שרייב אריין די זאך וואס איז זייער דערהויבן און מענטשן זענען מזלזל אין דעם ______
- ווען תפלה ווערט אויסגעלייזט פאלן אוועק אלע ד____________ (שרייב פונקט די אותיות וואס שטייט אינעווייניג)
- מען קען האבן א רפואה דורך ל_____ און מ______
- פיר אויס: וועלכע עבודה איז מפסיד די עבודה פון תפלה? "אל תהי ___ ___ ___"
- וויאזוי ווערט מָשִׁיחַ אנגערופן? ______ און פארוואס? ווייל ער איז מקבל פון ש______ ה_______
- דער אויבערשטער האט אונז געמאכט א גרויס חסד אז ראש השנה פאלט אויס ______ ______
- וואס איז די ראשי תיבות פון יובל? _____ _____ _____ _____



# זוכן דעם אוצר

# אַכט און דרייסיג יאָר

אויפְן עֶרְד, נֶעבְן דִי מְזוּזָה, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, זִיצְט עֶר לַאנְגֶע שָׁעוֹת עֶר וַויינְט און בֶּענְקְט, ווִיפִיל תְּפִלּוֹת הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמַאכְט, אַן אַ שִׁיעוּר דִיבּוּרִים צוּ ה' יִתְבָּרַךְ גֶעבֶּעטְן און גֶעהָאפְּט, בְּשַׁעֲרֵי צִיּוֹן... נָעוּף כְּיוֹנִים.... הָאט עֶר גֶעזוּנְגֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת, מִיט אַ בֶּענְקֶעדִיגֶע נִיגוּן, צִיּוֹן... צִיּוֹן.... אִיךְ וִויל זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן.

דֶער הַארְצִיגֶער אִיד וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אַזוֹי, אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער וִוי ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַצַ"ל, פוּן דִי טַייעֶרֶע לוּיטֶערֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז יָארְן אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען חֲצוֹת און גֶעבֶּעטְן און גֶעוֵוינְט צוּם אוּיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּיף אִים, און אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, דֶער "הַר צִיּוֹן אֲשֶׁר שָׁמֵם" דֶער בַּארְג צִיּוֹן וָואס אִיז חָרוּב און פּוּסְט. דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן, און דִי לִיכְטִיגְקַייט אִיז פַארְשְׁטֶעלְט - אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אֵיין זַאךְ, מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וָואס אִיז וַוייט און לֵיידִיג, דִי טוּיעֶרְן זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁפַּארְט און מֶען קֶען דָארְט נִישְׁט קוּמֶען, דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן צַדִּיק וָואס אִיז אַזוֹי נֶעְלָם, אַזוֹי בַּאהַאלְטְן און פַארְשְׁטֶעלְט.

אַכְט אִין דְרֵייסִיג יָאר! הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעוֵוינְט און גֶעבֶּעטְן, פְּרָאבִּירְט אַלֶע סָארְט הִשְׁתַּדְּלוּת וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, און נִישְׁט פַארְלוּירְן דִי הָאפֶענוּנְג, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן צְוֵויי מָאל! אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן יָאר צוּ זָאגְן דָארְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי, און זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן, און אֵיינְמָאל צוּ קוּמֶען צוּם קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת, אִיז עֶר גֶעפָארְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם קַיין רָמַת גַּן, צוּם רוּסִישְׁן קָאנְסוּל, צוּ פְּרָאבִּירְן בַּאקוּמֶען אַ וִויזֶע פַאר דִי נְסִיעָה אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. פַאר ר' שְׁמוּאֵל וֶועלְכֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּגֶעהִיטְן זַיינֶע אוּיגְן, פוּן אַ אִיבְּרִיגֶע בְּלִיק אוּיף דֶער וֶועלְט



אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְלֵיין זַאךְ, צוּ פָארְן בִּיז רָמַת גַּן וָואס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַ פְּרַייֶע שְׁטָאט, אוּיךְ אִיז דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן אוּיף זֵיי, עֶס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּאנְדֶעס פוּן רוֹצְחִים, שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע וֶועגְן אִין גֶעגְנְט פוּן אוּמַאן, און דִי שְׁרֶעק צוּ פָארְן אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער ר' שְׁמוּאֵל הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוּיף גָארְנִישְׁט, און פְּרָאבִּירְט צוּ טוּן וָואס עֶר קֶען כְּדֵי צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס פַארְלַאנְג, "אִישׁ בַּל יֵעָדֵר"!!! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן...

דֶער רוּסִישֶׁער קָאנְסוּל הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין וִויזֶע, דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס ר' שְׁמוּאֵל אִיז אַרִיבֶּער וֶוען נָאךְ אַ נַייֶע פְּלַאן אִיז אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, אֵיין מָאל און נָאךְ אַ מָאל. אִין יָאר תשי"ט הָאבן זִיךְ גֶעגְרֵייט אַ מִנְיָן פוּן אנ"ש און ר' שְׁמוּאֵל צְווִישְׁן זֵיי, צוּ פָארְן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, ר' שְׁמוּאֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן אַלֶע עִנְיְנֵי חוֹל, און הָאט זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין בִּילְדֶער, הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַנְטְקֶעגְן דִי קַאמֶערֶע און גֶעמַאכְט אַ בִּילְד פַארְן פַּאסְפָּארְט, מְ'קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם וִוי טַייעֶר און חָשׁוּב אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעָה, אָבֶּער דִי נְסִיעָה אִיז אוּיךְ

צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן צוּם סוֹף. ווען ר' שְׁמוּאֵל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ בִּיטֶערְן גֶעוויין, וויפִיל הָאט עֶר גֶעווַארְט אוּן גֶעבֶּענְקְט, אוּן זַיין הֵיילִיגֶער ווִילְן אִיז נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לַפּוֹעַל, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי הָאפֶענוּנְג.

ר' שְׁמוּאֵל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרוֹיסֶער דַבְּרָן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין סַאךְ, זַיין עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת מִיט ה' יִתְבָּרַךְ אַליין, אָבֶער ווען פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין דֶעמָאלְס גֶעהֶערְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע רְצוֹנוֹת, אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן ווען מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה" הָאט ר' שְׁמוּאֵל זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם וָוארְט אוֹרָה אַסַאךְ מָאל, ווען עֶר שְׁרֵייט, אוֹר"ה ר"ת **אוּ**מַאן **וְרֹ**אשׁ **הַ**שָּׁנָה, אַז דִי עִיקַר אוֹרָה, דִי לִיכְטִיגְקֵייט אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה... אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן פּוּרִים אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס, אִין זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי יֶעדֶע בָּאס אָדֶער אוֹטָא וָואס אִיז גֶעפָארְן זָאל אִים בִּיטֶע פִירְן קַיין אוּמַאן,... אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ צָאלְן יֶעדֶע פְּרַייז וָואס מֶען וֶועט פַארְלַאנְגֶען...



יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת, דִי תְּפִלָּה ע"ו פוּן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק א' וָואס ר' נָתָן בֶּעט, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט דִי גַאנְצֶע תְּפִלָּה בַּעַל פֶּה. אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי פִּנְקָסִים וָואס ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, 'זֶעקְס אִין צְוַואנְצִיג רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן דִי נָאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט אוּמַאן', אַזוֹי אַז מֶען קֶען זָאגְן אַז ווי ר' שְׁמוּאֵל הָאט נָאר גֶעקוּקְט, הָאט עֶר נָאר גֶעזֶעהְן דָאס וָוארְט אוּמַאן, דֶער פְּלַאץ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מִיר ווֶעלְן דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי:

**אֶ**ת **מִי** נוֹעָץ **וַ**יְבִינֵהוּ (יְשַׁעְיָה מ' י"ד הַפְטוֹרָה נַחֲמוּ)

**נֵ**ר **מִ**צְוָה **וְ**תוֹרָה **אוֹ**ר (מִשְׁלֵי ו' כ"ג)

**וְ**הִצַּלְתֶּם **אֶ**ת **נַ**פְשֹׁתֵינוּ **מִ**מָּוֶת (יהושע ב' י"ג )

**מְ**צָאתִיו **אָ**קוּמָה **נָּ**א **וַ**אֲסוֹבְבָה בָעִיר (שיר השירים)

**וְ**לֹא **נִ**פְקַד **מִ**מֶּנּוּ **אִ**ישׁ (במדבר ל"א מ"ט)

**מֶ**לֶךְ **נֶ**אֱמָן **וְ**רַחְמָן **אָ**תָּה (ברכת הפטרה)

ווער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן, דָאס גֶעוואַלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן ר' שְׁמוּאֵל בַּיי זַיין לֶעצְטֶע נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי לֶעצְטֶע יָאר פוּן זַיין לֶעבְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְס אַזוֹי אַלְט אוּן קְרַאנְק, כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיךְ בַּאוֶועגְן אַליין, עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ רֶעדֶער-שְׁטוּל אוּן מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט פִירְן. ווען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִין שְׁטוּב, וויאַזוֹי נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַזאַ זַאךְ זִיךְ אַזוֹי צוּ וואַלְגֶערְן אוֹיף דִי וֶועגְן אִין אַזאַ עֶלְטֶער אִין אַזאַ מַצָּב? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ גַאנְצְן לֶעבְן גֶעבֶּענְקְט אוֹיף דֶעם, אוּן אִיצְטֶער אַז מֶען שְׁלֶעפְּט מִיר, זָאל אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מִיט שְׁלֶעפְּן?!"....

ר' שְׁמוּאֵל הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זַיין לֶעצְטֶע יָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים פַאר זַיין פְּטִירָה, צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַלֶע יָארְן, "לִנְסֹעַ לַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה – צוּ פָארְן צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"

דִי שִׂמְחָה פוּן ר' שְׁמוּאֵל מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ שִׁילְדֶערְן, אִינְמִיטְן דִי טֶענְץ פוּן דִי צְווֵיי הוּנְדֶערְט זֶעכְצִיג חֲסִידִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה יֶענֶער יָאר, הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן זַיין קְרַאנְקְן בֶּענְקְל, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף דִי פִּיס, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעטַאנְצְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶעמֶען פוּפְצְן מִינוּט, מִיט אַזאַ מוֹרָאדִיגֶע שִׂמְחָה, אַ שִׂמְחָה פוּן אַ אִיד וָואס ה' יִתְבָּרַךְ הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּפִלָּה, נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן.

**מִי שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה,**
**רָאוּי לוֹ לִשְׂמוֹחַ כָּל הַשָּׁנָה.**

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם ׳גָארְטְן׳ אַרַיין – אוּן תֵּיכֶּף וִוי [וֶוען] מְ׳הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ יָאגְן – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ׳דֶעם מֶענְטְשְׁן׳ וָואס סְ׳גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן דֶעם ׳גָארְטְן׳ פוּנְדְרוֹיסְן – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר אַרוֹיס ׳בְּשָׁלוֹם׳ – אוּן סְ׳הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשַׁאדְט!

וָוארְן ׳אַנְדֶערֶע׳ [מֶענְטְשְׁן] – אַז [וֶוען] זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם ׳גָארְטְן׳, אוּן מְ׳הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ יָאגְן – זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, מִיט גְרוֹיס ׳בֶּהָלָה׳ זֵייעֶר – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁלָאגְן גֶעוָוארְן דוּרְכְדֶעם.

אוּן ׳עֶר׳ אִיז אַרוֹיס ׳בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה׳ – דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ׳דֶעם מֶענְטְשְׁן׳!

אוּן דִי ׳שָׂרִים׳ הָאבְּן דָאס גֶעזֶעהְן – אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט [דֶערוֹיף] וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס ׳בְּשָׁלוֹם׳!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהֵייסְן (דְהַיְינוּ: דֶער ׳אֱמֶת׳ער בֶּן־מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֵייסְן): ״אַז מְ׳זָאל נֶעמֶען ׳דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] מֶענְטְשְׁן׳ – אוּן מְ׳זָאל אִים אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִינֶעוֵוייְנִיג אִין דֶעם ׳גָארְטְן׳ אַרַיין״!

הָאט מֶען אַזוֹי גֶעטָאן!

[אוּן] אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע ׳שָׂרִים׳ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם ׳גָארְטְן׳ אַרַיין – אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] – אוּן זֶענֶען אַרוֹיס ׳בְּשָׁלוֹם׳!

הָאבְּן זִיךְ דִי ׳שָׂרִים׳ צוּ אִים אָנְגֶערוּפְן: ״פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – כָאטְשֶׁע מִיר הָאבְּן פוּן דִיר גֶעזֶעהְן אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, פוּן [צוּלִיבּ] אֵיין זַאךְ וֶועגְן – קוּמְט דִיר נָאכְנִישְׁט אָפְּצוּגֶעבְּן דִי ׳מְלוּכָה׳ – מִיר וֶועלְן דִיךְ פְּרוּבְן נָאךְ מִיט אֵיין זַאךְ! בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דָא אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳שְׁטוּהְל׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ וָואס סְ׳גֶעוֶועְן.

אוּן דִי ׳שְׁטוּהְל׳ אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ. אוּן בַּיי דֶער ׳שְׁטוּהְל׳ שְׁטֵייעֶן אַלֶע־עֶרְלֵיי ׳חַיוֹת׳ אוּן ׳עוֹפוֹת׳, פוּן ׳הָאלְץ׳ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט.

אוּן פַאר דֶער ׳שְׁטוּהְל׳, שְׁטֵייט אַ ׳בֶּעטְל׳. אוּן בַּיי דֶעם ׳בֶּעט׳, שְׁטֵייט אַ ׳טִישׁ׳. אוּן אוֹיף דֶעם ׳טִישׁ׳, שְׁטֵייט אַ ׳לַייכְטֶער׳.

אוּן פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳, גֵייעֶן אַרוֹיס ׳גֶעשְׁלָאגֶענֶע [אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶע] וֶועגְן׳ – אוּן דִי ׳וֶועגְן׳ זֶענֶען גֶעמוֹיעֶרְט – אוּן דִי ׳וֶועגְן׳ גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳, אִין אַלֶע זַייטְן.

אוּן קַיין שׁוּם ׳מֶענְטְשׁ׳ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וָואס סְ׳אִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳, מִיט דִי ׳וֶועגְן׳!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳וֶועגְן׳ – אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אוּן צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק [אַבִּיסְל] – שְׁטֵייט דָארְט אַ ׳גִילְדֶענֶער לֵייבּ׳ – אוּן אַז אַ ׳מֶענְטְשׁ׳ זָאל צוּ אִים צוּגֵיין [נָאנְט], וֶועט עֶר עֶפֶענֶען דָאס ׳מוֹיל׳, אוּן וֶועט אִים אַיינְשְׁלִינְגֶען.

אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם ׳לֵייבּ׳ – צִיהְט זִיךְ דֶער ׳וֶועג׳ נָאךְ וַוייטֶער.

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] בַּיי דִי ׳אִיבְּרִיגֶע וֶועגְן׳ וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳ – דְהַיְינוּ: בַּיי דֶעם ׳אַנְדֶערְן וֶועג׳ וָואס סְ׳גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳ צוּ אַ אַנְדֶערֶע זַייט – אִיז אוֹיךְ אַזוֹי – אַז דֶער ׳וֶועג׳ צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק, שְׁטֵייט

דָארְט אַ אַנְדֶערֶע ’חַיָּה’, דְהַיְינוּ: אַ ’לֶעמְפֶּערְט’ פוּן ’אַייזְנְוַוארְג’ – אוּן דָארְט קֶען מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִישְׁט צוּגֵיין [נָאנְט] (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָוארְן עֶר וֶועט אַיינְשְׁלִינְגֶען).

אוּן וַוייטֶער פוּן דֶעם ’לֶעמְפֶּערְט’ – צִיהְט זִיךְ דֶער ’וֶועג’ וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי אִיז [אוֹיךְ] בַּיי דִי ’אִיבְּרִיגֶע וֶועגְן’.

אוּן דִי ’דָאזִיגֶע וֶועגְן’ – צִיעֶן זִיךְ אוּן גֵייעֶן אִין דֶער ’גַאנְצֶער מְדִינָה’. אוּן קַיין שׁוּם ’מֶענְטְשׁ’ וֵוייסְט נִישְׁט, וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ’שְׁטוּהְל’, מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, מִיט דִי ’וֶועגְן’!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גֶעפְּרוּבְט וֶוערְן – אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען וִויסְן דִי זַאךְ פוּן דֶער ’שְׁטוּהְל’, מִיט דֶעם אַלֶעמֶען"!

הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן דִי ’שְׁטוּהְל’! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ’! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ’שְׁטוּהְל’!

הָאט עֶר אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז דִי ’שְׁטוּהְל’ אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם [זֶעלְבְּן סָארְט] ’הָאלְץ’ פוּן דֶעם ’קֶעסְטְל’ (דְהַיְינוּ: דִי ’כְּלִי’ וָואס דֶער ’מֶענְטְשׁ’ פוּן דֶעם ’וַואלְד’ הָאט אִים גֶעשֶׁענְקְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקוּקְט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז סְ’גֵייט אָפּ [סְ’פֶּעלְט] פוּן דֶער ’שְׁטוּהְל’ פוּן אוֹיבְּן – עֶפֶּעס אַ ’רֵייזֶעלֶע’ [רוֹיז] – אוּן אַז דִי ’שְׁטוּהְל’ זָאל הָאבְּן דָאס ’רֵייזֶעלֶע’, וָואלְט דִי ’שְׁטוּהְל’ גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם ’קֶעסְטְל’ (דְהַיְינוּ: דִי ’כְּלִי’ הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זִי הָאט גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ, אַז [וֶוען] מְ’פְלֶעגְט דִי ’כְּלִי’ צוּ לֵייגְן, אוֹיף עֶפֶּעס אַ ’בְּהֵמָה’ אָדֶער אַ ’חַיָּה’ וְכוּ’ – הָאט [דָאס] אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּילְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקוּקְט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז דָאס ’רֵייזֶעלֶע’ וָואס סְ’גֵייט אָפּ [סְ’פֶּעלְט] אוֹיבְּן פוּן דֶער ’שְׁטוּהְל’ – דָאס ’רֵייזֶעלֶע’ לִיגְט אוּנְטְן אִין דֶער ’שְׁטוּהְל’.

בַּאדַארְף מֶען דָאס ’רֵייזֶעלֶע’, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְטְן – אוּן אַרַיינְזֶעצְן עֶס אוֹיבְּן – אַזוֹי וֶועט דִי ’שְׁטוּהְל’ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם ’קֶעסְטְל’ (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

וָוארְן דֶער ’מֶלֶךְ’ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט אִיטְלֶעכֶע זַאךְ גֶעטָאן מִיט ’חָכְמָה’ – אוּן הָאט אַלְץ [אַלֶעס] פַארְשְׁטֶעלְט – כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט – בִּיז סְ’וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] ’וִוילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם’, וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסְן [פַארְשְׁטֵיין], אוּן וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפְן, אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְצוּבַּייטְן, אוּן מְסַדֵר צוּ זַיין אַלֶע זַאכְן אַזוֹי־וִוי מְ’דַארְף.

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דָאס ’בֶּעטְל’ – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז מְ’בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּן דֶעם אָרְט וִוי סְ’שְׁטֵייט"!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶעם ’טִישׁ’ – בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּן דֶעם אָרְט! אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶעם ’לַייכְטֶער’ – בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּנֶעם אָרְט!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי ’עוֹפוֹת’ אוּן דִי ’חַיּוֹת’ – מוּז מֶען זֵיי אוֹיךְ אַלֶע אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן [אוֹיף אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ] – מְ’זָאל נֶעמֶען דָאס ’עוֹף’ פוּן ’דֶעם’ אָרְט, אוּן מְ’זָאל עֶס שְׁטֶעלְן אוֹיף ’דֶעם’ אָרְט!

אוּן אַזוֹי אַלֶע [זַאכְן] – מוּז מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן אַנְדֶערְשׁ!

וָוארן דֶער 'מֶלֶךְ', הָאט אַלְץ [אַלֶעס] אִין מִיסְטְנֶע [בְּכַּוָונָה] פַּארְשְׁטֶעלְט מִיט 'חָכְמָה' - כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מְ'מֵיינְט! - בִּיז סְ'וֶועט קוּמֶען דֶער 'חָכָם' וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען פַּארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלְץ [אַלֶעס] מְסַדֵּר זַיין אַזוֹי-וִוי מְ'בַּאדַארְף!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער 'לֵייבּ' וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט וִוי דֶער 'וֶועג' גֵייט אַרוֹיס - בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִינְשְׁטֶעלְן!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע [זַאכְן] - בַּאדַארְף מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל אַלְץ [אַלֶעס] מְסַדֵּר זַיין וִוי [אַזוֹי-וִוי] מְ'בַּאדַארְף! מְ'זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס 'רֵייזֶעלֶע' פוּן אוּנְטְן - אוּן מְ'זָאל עֶס אַרַיינְזֶעצְן אוֹיבְן!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] זַאכְן - זָאל מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן - אוּן מְ'זָאל זֵיי מְסַדֵּר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוֹי-וִוי מְ'בַּאדַארְף, אַזוֹי-וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן)"!

וִוי [נָאר] מְ'הָאט אַזוֹי גֶעטָאן - הָאבְּן [דַאן] אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע - צוּ שְׁפִּילְן דֶעם 'וואוּלְדְּ [וואוּנְדֶערְלִיכְן] נִיגוּן', וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ 'וִוילְדְּ חִידוּשׁ'! אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעטָאן - דָאס [דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה] וָואס זֵיי בַּאדַארְפְן צוּ טוּהְן!

אַזוֹי [אוּן דַאן] הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'מְלוּכָה' (דְהַיְינוּ: [פַאר] דֶעם 'אֱמֶת'ן בֶּן-מֶלֶךְ', וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע 'חָכְמוֹת' בַּאוִויזְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם 'בֶּן-הַשִּׁפְחָה': "הַיינְט פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ: אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן-מֶלֶךְ' אוּן דוּ בִּיזְט דֶער 'בֶּן-הַשִּׁפְחָה' בֶּאֱמֶת"!

[רַבֵּינוּ ז"ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי 'מַעֲשֶׂה']:

פַּארְצַייטְן אַז [וֶוען] מְ'פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן 'קַבָּלָה' - פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אַזוֹי אַ [אַזאַ סָארְט] לָשׁוֹן (וִוי דִי [דָאזִיגֶע] 'מַעֲשֶׂה' אִיז) וְכוּ'!

דֶער 'פֵּירוּשׁ' פוּן דֶער 'מַעֲשֶׂה':

אִיז אַזוֹי-וִוי דִי 'שְׁטוּהְל' וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעמַאכְט - וָואס דֶער עִיקָר 'חָכְמָה' אִיז: "אַז מְ'זָאל וִויסְן וְויאַזוֹי מְסַדֵּר [צוּ] זַיין אִיטְלֶעכֶע זַאךְ"!

אַזוֹי אוֹיךְ - וֶוער סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'בָּקִי' אִין 'סְפָרִים', [אוּן זַיין 'הַארְץ' אִיז 'גַאנְץ'], אוּן אִיז אַ 'גְרוֹיסֶער חָכָם' בֶּאֱמֶת - קֶען עֶר פַּארְשְׁטֵיין דָאס 'פֵּירוּשׁ'!

נָאר מְ'מוּז וִויסְן: "מְ'זָאל גוּט מְסַדֵּר זַיין"! - וָוארְן אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי, [אוּן] אַמָאל אַזוֹי!

אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין [רִיכְטִיג]! [בָּרוּךְ הַשֵּׁם לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן].

דָאס הָאט אַלְץ [אַלֶעס], עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] אַלֵיין עָלָיו-הַשָּׁלוֹם גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאךְ דֶער 'מַעֲשֶׂה'!

# מזל טוב

פאר אלע חשובע קינדער

וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן נאך א הייליגע מעשה און פריש אנהייבן די צוועלפטע מעשה

## "דער בעל תפלה"

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוועטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (7)

**א. דער שטול פונעם קעניג איז געווען הויך אדער נידריג?**
- ❑ הויך
- ❑ זייער הויך
- ❑ נידריג

**ב. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול?**
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל אויפ'ן וועג שטייט א לייב פון גאלד און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער עפענען די מויל און אים איינשלינגען

**ג. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול דורך דעם אנדערן וועג וואס גייט ארויס פון שטול?**
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ ווייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ ווייל דארטן שטייט א לעמפערט פון אייזן און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער אים איינשלינגען

**ד. וואס האט דער בן המלך געזעהן אז עס פעלט (גייט אפ) פון אויבן פון דער שטול?**
- ❑ א רייזעלע
- ❑ א קרוין
- ❑ א נאגל

**ה. וואס איז געווארן מיט די שטול ווען מ'האט אלעס מסדר געווען אויפ'ן ריכטיגן סדר,און וואס האט מען אים געגעבן פאר דעם?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט געגיבן די מלוכה פאר די בן השפחה
- ❑ זיי האבן אלע אנגעהויבן טאנצן, און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געזאגט פאר'ן אמת'ער בן השפחה?**
- ❑ יעצט פארשטייט איך אז איך בין דער אמת'ער בן המלך
- ❑ יעצט פארשטייט איך אז דו ביזט דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז ביים סוף וועט מען זעהן אז יעדער איד איז דער אמת'ער בן המלך
- ❑ אז ווען מ'האט די ריכטיגע סדר ווערט אלעס פאררכטן
- ❑ ______________________________.

ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

אויך וויפיל זאבן דערציילט דער רבי אז דער אמת'ער בן מלך האט פארשטאנען אז מען דארף דאס רוקן פון זייער ארט און מסדר זיין אויף זייער ריכטיגער פלאץ ?

**תשובות אויף פאריגע וואך**

וועלכע גוטע מידה קען מען זיך לערנען די וואך פון די מעשה ? **שלום**

**געווינער אויף בן המלך ובן השפחה #6 איז הילד החשוב נתן צציק, בית שמש**
**טעלעפאן *** 7780**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

דעם רבינ'ס

# מְשָׁלִים



## דֶער צֶעווִילְדֶעוֶועטֶער פֶּערְד

אַמָאל זֶענֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן גֶעפָארְן אוֹיף אַ צֶערוּדֶערְטְן מְשׁוּגֶע'נֶעם פֶּערְד, וֶוען אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זֵיי דָאס פֶּערְד אוּמְגֶעוָוארְפְן פוּנֶעם וָואגְן. אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאט גֶענוּמֶען שְׁלָאגְן דֶעם פֶּערְד מִיט זַיין פוֹיסְט, און אִים גֶעגֶעבְן מַכּוֹת, הָאט דֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ גֶענוּמֶען לַאכְן פוּן אִים זָאגְנְדִיג: "דוּ שְׁלָאגְסְט דָאךְ דַיין הַאנְט, וָואס הָאסְטוּ צוּ שְׁלָאגְן אַ פֶּערְד מִיט אַזֶעלְכֶע סָארְט פֶּעטְשׁ, אַנְשְׁטָאט נֶעם אַ רִיט וָואס מֶען שְׁמַייסְט פֶּערְדְן, און אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים דֶערְלַאנְגֶען.

דֶער צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, גֶענוּמֶען אַ רִיט און גֶעשְׁלָאגְן דֶעם פֶּערְד. דֶער פֶּערְד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען לוֹיפְן מִיט גְרוֹיס הִיסְטֶערְיֶע, וֶוען אִינְמִיטְן דִי בֶּהָלָה הָאט עֶר אוּמְגֶעוָוארְפְן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אִין בְּלָאטֶע אַרַיין, און דֶער פֶּערְד אַנְטְלוֹיפְט אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דִי צְוֵויי חֶבְרָה אַלֵיין.

וַוייטֶער נִישְׁט קַיין גוּטֶע עֵצָה... הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'עֵצָה'ט צוּ נֶעמֶען אַ פֶּעסְטְן שְׁטְרִיק און צוּבִּינְדְן דֶעם פֶּערְד צוּ אַ בּוֹים און אַזוֹי אִים אָנְקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער און אִים אָנְלֶערְנֶען אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל. נָא, זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, גֶעקְלַאפְּט און גֶעשְׁלָאגְן בִּיז דֶער פֶּערְד אִיז מִיד און אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן. שׁוֹין וַוייטֶער נִישְׁט קַיין גוּטֶע עֵצָה, הָאבְּן דִי צְוֵויי גֶעטְרַאכְט 'דָאס פֶּערְדְל אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי פְּלָאג און דִי שְׁוַואכְקַייט נָאכְן כַאפְּן אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ.

אֵיין עֵצָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן, אַרַיינְשִׁיסְן מִיט אַ בִּיקְס אִינֶעם פֶּערְד אָבֶּער דָאס וֶועט זִיכֶער וַוייטוּן פַארְן פֶּערְד.

אַזוֹי אִיז דִי מַעֲשֶׂה וֶוען אַ אִיד גֵייט לַיידֶער אַרוֹיס פוּנֶעם וֶועג – עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף עֶרְלִיךְ, אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין עֵצָה וָואס אִים צוּ טוּן, לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען אִים גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן וֶועגְן, אָבֶּער דִי אַלֶע סָארְטְן שְׁטְרָאפְן טוּט דָאךְ וֵויי פַארְן צַדִּיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶען בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַ פָּסוּק בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר (ישעיהו סג, ט) – יֶעדֶע צָרָה וָואס אַ אִיד הָאט, טוּט אוֹיךְ וֵויי כִּבְיָכוֹל פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעטְלִיכֶער חֵלֶק וָואס קוּמְט פוּן אוֹיבְן, דֶערִיבֶּער טוּט אוֹיךְ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֵויי יֶעדֶע צָרָה וָואס אַ אִיד לַיידְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים צַדִּיק וִוי מִיר זֶען אַ פָּסוּק גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב (משלי יז, כו) דֶער עוֹנֶשׁ וָואס מֶען שְׁטְרָאפְט דֶערְגְרַייכְט אוֹיךְ צוּם צַדִּיק אַלֵיין.

נָא, קִינְדֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן צוּם סוֹף? מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועט מֶען נִישְׁט דַארְפְן כַאפְּן שְׁלֶעק און כִּבְיָכוֹל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און דֶער צַדִּיק וֶועלְן נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן צַעַר פוּן אוּנְזֶער צַעַר!

(לקוטי מוהר"ן ח"ב ס"ו)

הגליון נתנדב ע"י הר"ר יצחק וועבערמאן הי"ו
לרגל נישואי בתו עב"ג
החתן כמר מרדכי נ"י בן הר"ר אברהם יעקב בירנהאק הי"ו
החתונה יתקיים בעז"ה יום חמישי פרשת חקת, ה' תמוז
באולם עסטרייכער, בית שמש